ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער „פֿאָרווערטס“־אַסאָציאַציע

פֿאָרווערטס

איז די עלטסטע ייִדישע צײַטונג אין דער וועלט
געגרינדעט אין יאָר 1897

www.yiddish.forward.com/vayter

# ווײַטער

אינטערנעץ־אויסגאַבע פֿאַר די וואָס לערנען זיך ייִדיש

נומער 2(55) ✦ תשע״ב – 2012 ✦ זיבעטער יאָרגאַנג

## אַ כמעלניצקי־קאָנפֿערענץ

גענאַדי עסטרײַך (ניו־יאָרק)

אָנהייב מײַ האָב איך זיך באַטייליקט אין אַ קאָנפֿערענץ וועגן באָגדאַן כמעלניצקי. אָרגאַניזירט האָט עס אַמעליאַ גלאַסער, וואָס איז אַ פּראָפֿעסאָר אין סאַן־דיעגאָ. איך מיין, אַז דאָס איז געווען אַ גערעאָטענע צונויפֿקומעניש פֿון אַקאַדעמיקער, וואָס באַשעפֿטיקן זיך מיט גאַנץ פֿאַרשיידענע זאַכן – מיט געשיכטע, ליטעראַטור און קינאָ, מיט ייִדישע, אוקראַיִנישע און פּוילישע טעמעס. איך גלייב, אַז אין דעם באַנד, וואָס וועט קאָנסטרויִרט ווערן אויפֿן סמך פֿון דער קאָנפֿערענץ, וועט דער אוקראַיִנישער פֿירער אַרויסקומען ניט קיין פֿלאַכער. און די געשעענישן אַרום דער דאָזיקער פֿיגור, אין לעבן און אין קונסט, וועלן אויך אָפּגעשפּיגלט ווערן, מאַכנדיק טיפֿער, מיט מער ניואַנסן, אונדזער קענטעניש פֿון געשיכטע, ליטעראַטור און קונסט.

איך בין, אַגבֿ, ניט זיכער, צי אַלע לייענער פֿון „פֿאָרווערטס“ האָבן אַ מאָל געהערט אַזאַ נאָמען: באָגדאַן כמעלניצקי. איך דערמאָן עס, ווײַל סטודענטן האָבן, בדרך־כּלל, קיין אַנונג ניט וועגן אַזאַ היסטאָרישער פֿיגור און קיין מאָל ניט געהערט וועגן די גזירות ת״ח־ות״ט. מיט זעכציק יאָר צוריק, אין יאַנואַר 1952, בײַם אַרומרעדן אין דער כּנסת די פֿראַגן פֿון דײַטשישע רעפּאַראַציעס, האָט משה שרת, דער דעמאָקטיקער אויסערן־מיניסטער פֿון ישׂראל, געזאָגט: „מיר האָבן ניט פֿאַרגעסן כמעלניצקי, און די וואָס וועלן פֿאַרגעסן, וועלן אויפֿהערן צו זײַן ייִדן“. מיר שײַנט, אַז ס׳רובֿ הײַנטיקע ייִדן האָבן כמעלניצקין ניט פֿאַרגעסן – זיי האָבן פּשוט ניט געהאַט וואָס צו פֿאַרגעסן, ווײַל קיינער האָט זיי וועגן אים קיין מאָל ניט דערציילט.

בעת דער קאָנפֿערענץ האָב איך אַ סך געלערנט. אָבער נאָך מער פֿראַגעס זײַנען פֿאַרבליבן אָפֿן. למשל, אויב כמעלניצקי איז טאַקע פֿאַרגעדענקט געוואָרן ווי דער שרעקלעכער גזלן, וועמענס קאָזאַקן האָבן אויסגעהרגעט צענדליקער טויזנטער ייִדן, טאָ פֿאַר וואָס און ווי אַזוי האָבן ניט ווייניק ייִדן דערנאָך געטראָגן דעם פֿאַמיליע־נאָמען כמעלניצקי?

איך וועל ניט גיין זייער ווײַט נאָך אַ בײַשפּיל: מלך כמעלניצקי (1885–1946), דער ייִדישער דיכטער און זשורנאַליסט. זינט 1919 ביז זײַן טויט האָט ער געדרוקט אין „פֿאָרווערטס“ אַרטיקלען אויף מעדיצינישע טעמעס. קיין פּסעוודאָנים האָט ער ניט געהאַט, אַזוי אַז די אַרטיקלען פֿלעגן זיך דרוקן אונטער זײַן נאָמען.

און דאָס איז געווען אין דער זעלבער צײַטונג, וווּ אין 1943 – ווען פּערעיאַסלאַוו האָט מען, לויט אַ באַשלוס פֿון די סאָוועטישע מלוכה־לײַט, אָנגערופֿן פּערעיאַסלאַוו־כמעלניצקי – האָט אַן אַנדער זשורנאַליסט, מענדל אָשעראָוויטש, פֿאַרגליכן עס מיט געבן אַ שטאָט דעם נאָמען פֿון אַדאָלף היטלער. מיר לייגט עס זיך ניט אויפֿן שׂכל. צי הייסט עס, אַז ניט אַלע ייִדן האָבן געהאַלטן דעם אוקראַיִנישן העטמאַן פֿאַר אַ גזלן? ווי אַנדערש קען מען פֿאַרטײַטשן דעם ייִדישן משפּחה־נאָמען כמעלניצקי?

איך אַליין בין געקומען צו פֿאָרשן אַ כמעלניצקי־טעמע טאַקע אין דעם

(סוף אויף זײַט 7)



בײַ דער קאָנפֿערענץ וועגן באָגדאַן כמעלניצקי

## ייִדישע מאָזאַיִק

# פֿון וואַנען האָבן זיך באַוויזן די אַשכּנזישע ייִדן?

אויף דער דאָזיקער פֿראַגע האָט בשעתו געגעבן אַן ענטפֿער דער גרויסער ייִדישער שפּראַכקענער מאַקס ווײַנרײַך. אין זײַן „געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך" ווערט דערקלערט, אַז די אַשכּנזים שטאַמען, דער עיקר, פֿון די מיגראַנטן און פּליטים, וואָס האָבן מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר צוריק פֿאַרלאָזט ארץ־ישׂראל און זיך פֿאַרהאַלטן אַ צאָל דורות אויף די רוימישע טעריטאָריעס.

תּחילת האָבן זיי געוווינט אין דרום־אייראָפּע. שפּעטער האָט אַ טייל פֿון זיי זיך אַריבערגעקליבן אין מער צפֿונדיקע געגנטן. סוף־כּל־סוף, האָבן די ייִדן דערגרייכט די אייראָפּעיִשע טעריטאָריעס, וועלכע זײַנען געווען באַפֿעלקערט דורך די גערמאַניש־רעדנדיקע לײַט. אין אָט יענער סבֿיבֿה, ערגעץ אויף די ברעגן פֿון דעם טײַך רײַן, האָט זיך פֿאַרלייגט דער יסוד פֿון דער נײַער ייִדישער שפּראַך. דאָס איז געווען דער אָנהייב פֿון אַשכּנז.



דערנאָך האָט עפּעס אַ חלק אַשכּנזים זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, מיזרח־צו, ווו דעמאָלט האָט זיך געבויט די פּוילישע מדינה און מע האָט זיך גענייטיקט אין ייִדישע געשעפֿטס־לײַט און בעל־מלאָכות. אַזוי האָבן די ייִדן זיך באַזעצט אין די סלאַוויש־רעדנדיקע געגנטן, ווו זייער שפּראַך האָט זיך היפּש געביטן אונטער דער השפּעה פֿון פּויליש, אוקראַיִניש, ווײַסרוסיש, און שפּעטער אויך רוסיש.

אָט אַזוי – אין אַ פּאָר ווערטער און זייער סכעמאַטיש – קען מען איבערגעבן מאַקס ווײַנרײַכס מאָדעל פֿון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פֿון ייִדיש און ייִדיש־רעדערס.

* * *

די שיינקייט פֿון דער געשיכטע, וואָס קלינגט צו מאָל ממש ווי אַ באָבע־מעשה וועגן אַ וואַנדערנדיק פֿאָלק, האָט גאָר ניט פֿאַרכּישופֿט אייניקע שפּראַכקענער. אייניקע זאַכן האָבן זיך ניט געלייגט אויפֿן שׂכל. למשל, מע האָט גענומען טענהן, אַז די געגנט, ווו ייִדיש איז געבוירן געוואָרן, איז אפֿשר ניט בײַם רײַן, נאָר דווקא בײַם דונײַ, אין בײַערן, אין און אַרום דער שטאָט רעגענסבורג. אָבער דאָס איז געווען נאָר דער אָנהייב.

די אמתע „רעוויזיע" איז געקומען, ווען דער תּל־אָבֿיבֿער שפּראַכקענער פּאָל וועקסלער איז אַרויס מיט דער טעאָריע, אַז ייִדיש איז, אין תּוך אַרײַן, אַ סלאַווישע שפּראַך. זײַן מאָדעל זעט אויס אַזוי (ווידער אַ מאָל – אין צוויי ווערטער):

אַ געוויסע צאָל ייִדן, טאָקע „עכטע" ייִדן, האָבן זיך אַזוי אָדער אַנדערש דערקליבן ביז די טעריטאָריעס, וואָס זײַנען געווען באַפֿעלקערט דורך סלאַוויש־רעדנדיקע שבֿטים. די רייד גייט וועגן די סאָרבן – אַ סלאַוויש פֿאָלק, וואָס האָט געוווינט, און טיילווײַז וווינט נאָך איצט. אין דעם ווינקל, וואָס איז הײַנט צעטיילט דורך די גרענעצן פֿון דײַטשלאַנד און פּוילן. סאָרביש, וואָס איז אַנגעזעטיקט („רעלעקסיפֿיצירט") געוואָרן דורך גערמאַנישע ווערטער, איז – לויט וועקסלערן – געוואָרן דער יסוד פֿאַר ייִדיש.

אַז מע לייענט וועקסלערס אַרטיקלען, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער לעצטער צײַט, זעט מען, אַז ער אַנטוויקלט ווײַטער זײַן טעאָריע. איצט האַלט ער, אַז די אַשכּנזים שטאַמען מערסטנטייל פֿון פּערסיע. די דאָזיקע פּערסן האָבן זיך שפּעטער באַזעצט אין די סאָרביש־רעדנדיקע ערטער, דאָרטן האָבן זיי איבערגענומען די היגע שפּראַך, וועלכע איז דערנאָך פֿאַרדײַטשט געוואָרן.

* * *

אין יאָר 2011 איז אַרויס אַ בוך פֿון ייִטס וואַן סטראַטען (Jits van Straten), וואָס הייסט „דער אויפֿקום פֿון אַשכּנזישע ייִדן" (The Origin of Ashkenazi Jewry). דער מחבר האָט באַזירט זײַן פֿאָרשונג אויף געשיכטע, היסטאָרישער דעמאָגראַפֿיע, היסטאָרישער גענעטיק און היסטאָרישער שפּראַך־קענטעניש. ער איז געקומען צום אויספֿיר, אַז קיין ייִדישע מאַסן־מיגראַציע פֿון מערבֿ־אייראָפּע קיין מיזרח־אייראָפּע איז אין מיטלעלטער ניט געווען. לכּל־הפּחות, איז זי ניט געווען גענוג גרויס, כּדי צו דערקלערן דעם פֿאַרנעם פֿון דער מיזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין די קומענדיקע יאָרן. דערצו ווײַזט דער גענעטישער אַנאַליז,

(סוף אויף זײַט 5)

# ייִדיש אין אינטערנעץ

אין דעם זשורנאַל Language & Communication, נומ׳ 31, יאָר 2011, איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל פֿון צבֿי סדן (צוגויִא סאַסאַקי). וואָס אַרבעט אין אוניווערסיטעט פֿון בר־אילן. זײַן אַרטיקל הייסט „ייִדיש אין אינטערנעץ״. דער מחבר האָט אַנאַליזירט, ווי אַזוי מע נוצט ייִדיש אין דעם עלעקטראָנישן רוים, וועלכער איז, פֿון איין זײַט, אַ ווירטועלער, אָבער גלײַכצײַטיק שפּילט ער אַלץ אַ גרעסערע ראָלע אין אונדזער גאָר ניט ווירטועלער טאָג־טעגלעכקייט. דער אויספֿיר פֿון דער פֿאָרשונג איז אַזאַ: ייִדיש איז דערווײַל גאַנץ שלעכט פֿאָרגעשטעלט אין אינטערנעץ, אַ סך ערגער פֿון אַנדערע שפּראַכן מיט אַן ערך דער זעלביקער צאָל רעדערס. און נאָך איין זאַך, האָט דער מחבר באַמערקט, דהיינו: ייִדיש האָט מער אַ סימבאָלישע פֿונקציע, דאָס הייסט, אַז בדרך־כּלל גייט די רייד וועגן ייִדיש, אָבער שרײַבט מען ניט אויף ייִדיש.

ד״ר סדן־סאַסאַקי איז, בלי־ספֿק, גערעכט. אַ דוגמא פֿון אַזאַ סימבאָלישקייט גיט yid־dish.co.il, וואָס איז פֿון דער אָרגאַניזאַציע „יונג־ייִדיש״. און דאָך קאָן מען האָבן טענות צו דער פֿאָרשונג. זי ווײַזט ניט אָן, אַז כּמעט אַלע וועבזײַטן, וועלכע זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אין דעם אַנאַליז, געהערן ניט צו דער חרדישער וועלט. אָבער די איבערוועגנדיקע מערהייט פֿון די ייִדיש־רעדנדיקע לײַט זײַנען היינט דווקא אַ טייל פֿון יענער וועלט. אין יענער וועלט זײַנען דאָ צענדליקער אינטערנעץ־פֿאָרומס (למשל, www.ivelt.com), וווּ ייִדיש איז די איינציקע צי די הויפּט־שפּראַך. אָבער ד״ר סדן־סאַסאַקי האָט זיי גלײַך ווי ניט באַמערקט.

ס׳איז באַוווּסט, אַז די חרדישע וועלט קוקט מיט חשד אויף אינטערנעץ, ווײַל דורך אַ קאָמפּיוטער קען דירעקט אין אַ ייִדישער שטוב אַרײַנגעשמוגלט ווערן לחלוטין ניט קיין כּשרע אינפֿאָרמאַציע, עפּעס וואָס אַ פֿרומער מענטש דאַרף ניט זען. ניט צופֿעליק האָבן אין יאָר 1999 די בעלזער חסידים באַשלאָסן, אַז אינטערנעץ איז אָסור. אמת, אין אַ יאָרצענדליק אַרום האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז אַזאַ טאָטאַלער פֿאַרבאָט קען שטערן די געשעפֿטן, וואָס די חסידים פֿירן. האָט מען, אָן אַ חשק, פֿון דעסטוועגן דערלויבט צו נוצן אינטערנעץ אין די ענינים פֿון אַרבעט, אָבער אַנדערש – איז נאָך אַלץ אָסור. אין די חרדישע שמועס־פֿאָרומס שרײַבט מען, אַז דער בורא־עולם האָט געשאַפֿן אינטערנעץ ווי אַ נײַע יצר־הרע. דאָס הייסט, אַז מע דאַרף עס אויסמײַדן.




אָבער אַזוי צי אַזוי, רײַסט זיך די נײַע טעכנאָלאָגיע אַרײַן אויך אין דער חרדישער וועלט. און זי – די דאָזיקע וועלט – זוכט וועגן, ווי אַזוי עס צו נוצן, אָבער צו טאָן עס פֿאַרזיכטיק, כּדי ניט שעדיקן די פֿרומקייט פֿון זייער לעבן. עס וואַקסט דער ווירטועלער חרדישער רוים, אָבער מע באַמיט זיך אים צו באַגרענעצן און פֿאַרצירעווען מיט כּשרע פֿעדים אַלע עלעקטראָנישע לעבער אין דעם דאָזיקן רוים.



# פֿאַר קליין און גרויס

## ייִדישע מעשׂיות פֿון בעלז

איבערדערציילט פֿון באָריס סאַנדלער

# דאָס ליבע־געטראַנק

איך וויל אײַך דערציילן נאָך איין מעשׂה, אפֿשר ניט אַזאַ שיינע, ווי די פֿריִערדיקע, נאָר מיט אַ שׂכל.

דעם שׂכל פֿאַרשטיין,
דאַרף מען ניט קיין חן,
גענוג איז אַ קאָפּ,
קלענער פֿון אַ טאָפּ.

ס'איז אַמאָל געווען אַ מאַן מיט אַ ווײַב. זײַנען זיי געווען גרויסע קבצנים. צו די אַלע מעלות, האָבן זיי נאָך געהאַט אַ פֿולע שטוב מיט קינדער און אַלע – מיידלעך! נו, האָט זיך געטראָפֿן, אַז דאָס ווײַב איז ווידער פֿאַרגאַנגען אין טראָגן. טראַכט בײַ זיך דער מאַן: „וואָס וועט זײַן, אַז דאָס מאָל וועט זי גראָד האָבן אַ ייִנגל? מע דאַרף דאָך מאַכן אַ ברית?!"

האָט ער זיך באַרעכנט: „איידער וואָס־ווען, וועל איך זיך דערווײַל לאָזן איבער דער וועלט קלײַבן נדבֿות, וועל איך האָבן מיט וואָס מאַכן דעם ברית." געזאָגט איז געטאָן. מער האָט מען אים ניט געזען און ניט געהערט.

אין דער צײַט איז דאָס ווײַב געלעגן געוואָרן און האָט טאַקע געהאַט אַ ייִנגעלע, מיט מזל! אין דרויסן שטייט אַ פֿראָסטיקער ווינטער, און אין שטוב איז קאַלט, מע קאָן זען ווי מע אָטעמט, די פֿאַרע פֿון מויל ווערט פֿאַרפֿרוירן. אָט דאָס ווײַבל, נעבעך, געשיקט די טעכטערלעך אַ קוק טאָן אויפֿן בוידעם, צי ס'האָט זיך דאָרט ניט פֿאַרוואַלגערט אַ ביסל קוילן. זײַנען די מיידלעך אַרויף אויפֿן בוידעם זוכן דאָרט קוילן. מע זוכט, מע נישטערט – ניטאָ אַפֿילו קיין סימן פֿון אַ קוילעכל. פּלוצעם זעט איין מיידעלע ווי עס בלישטשעט עפּעס אַרויס פֿון אַ ווינקל. זי גייט צו צום אָרט און זעט דאָרט אַ פּאָר בלישטשענדיקע שטיינדעלעך. זי כאַפּט די שטיינדעלעך און לויפֿט אַראָפּ זיי ווײַזן דער מאַמען. אַז די פֿרוי האָט אַ קוק געטאָן אויף די שטיינדעלעך, האָט זי געזאָגט דעם עלטערן מיידל: „נעם, מײַן טאָכטער, אַ שטיינדעלע און טראָג עס אָפּ צום גאָלדשמיד. פֿרעג בײַ אים וואָס דאָס איז ווערט."

האָט דאָס מיידל גענומען אַ שטיינדעלע און איז געלאָפֿן עס ווײַזן דעם גאָלדשמיד. יענער האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף דעם שטיינדעלע האָט ער באַלד דערזען, אַז דאָס איז ניט קיין פּראָסט שטיינדעלע, נאָר אַ דימענט. נעמט ער און גיט איר זייער אַ סך געלט דערפֿאַר. האָט דאָס מיידעלע געבראַכט דאָס געלט דער מאַמען. נו, איז אין שטוב גלײַך וואַרעם געוואָרן, מע האָט געקויפֿט אַלע גוטע זאַכן און שוין געפּראַוועט אַ פֿײַנעם ברית, מיט אַלע פּיטשעווקעס.



ווען די ייִדענע איז אַזוי רײַך געוואָרן, האָט איר שוין ניט געפּאַסט צו וווינען אין דעם קליינעם שטעטל. האָט זי זיך איבערגעקליבן אין אַ גרויסער שטאָט, געקויפֿט אַ גרויסע שיינע שטוב און האָט גענומען טיילן זייער אַ סך צדקה.

די ידיעה, אַז איינע אַ ייִדענע טיילט רײַכע נדבֿות, האָט זיך גיך פֿאַרשפּרייט איבער דער וועלט. האָבן זיך צו איר אַ קער געטאָן אַלע אָרעמעלײַט. ס'איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז אָרעמע־לײַט האָבן אַ זעלטענעם געהער: אַוווּ נאָר זיי דער־הערן דעם קלאַנג פֿון די מטבעות, זײַנען זיי שוין דאָרט די ערשטע. האָט עס אויך דערהערט איר אייגענער מאַן און איז געקומען בעטן אַ נדבֿה בײַ דער רײַכער ייִדענע.

דאָס ווײַב האָט אים גלײַך דערקענט, אָבער ער האָט זי שוין ניט געקאָנט דערקענען; דאָס רײַכע לעבן

(סוף אויף זײַט 5)

# פֿון וואַנען האָבן זיך באַוויזן די אַשכּנזישע ייִדן?




(סוף פֿון זײַט 2)

אַז די מיזרח־אייראָפּעיִשע און די מערבֿ־אייראָפּעיִשע ייִדן זײַנען געקנאָטן פֿון גאַנץ פֿאַרשיידענע מינים טייג.

ייִטס וואַן סטראַטען האַלט, אַז אין מיזרח־אייראָפּע איז צו דער צײַט, ווען דאָרטן האָבן זיך באַוויזן די ייִדיש־רעדערס, געווען אַ היפּשע צאָל ייִדן. זיי זײַנען געקומען פֿון דעם מיטעלן מיזרח, אפֿשר דורך דער ביזאַנטישער אימפּעריע.

צווישן זיי זײַנען אויך געווען גרים, סײַ היגע סײַ פֿון ווײַטע מקומות. אייניקע כּוזרים, Khazarians, האָבן אויך גע־קענט זײַן צווישן זיי. אָן די כּוזרים באַגייט זיך דאָך ניט קיין איין טעאָריע, וואָס דערקלערט דעם אויפֿקום פֿון אַשכּנזים.




ווי אַזוי זשע האָבן זיי זיך צערעדט אויף ייִדיש? זייער פּשוט. זיי האָבן אימפּאָרטירט מלמדים און רבנים פֿון מערבֿ־אייראָפּע, דער עיקר, פֿון בײַערן. ווי אַ פּועל־יוצא, איז די שפּראַך – ייִדיש – פֿון אָט די אינטעלעקטואַלן האָט זיך ביסלעכווײַז איבערגעגעבן דעם היגן ייִדישן המון.

* * *

אַ סבֿרא, אַז דער פּראָצעס פֿון זוכן די שורשים פֿון אַשכּנזישע ייִדן האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. מע קען דערוואַרטן נײַע טעאָריעס, נײַע השערות. אפֿשר וועלן זיך באַווײַזן אויך אַנדערע מעטאָדן. אין מאַקס ווײַנרײַכס צײַטן איז דאָך קיין היסטאָריש־גענעטישער אַנאַליז ניט געווען. די לינגוויסטן און היסטאָריקער שטייען אויך ניט אויף איין אָרט.

# דאָס ליבע־געטראַנק

(סוף פֿון זײַט 4)

האָט געביטן איר גאַנצן אויסזען. נעמט זי און גיט אים אַ שיינע נדבֿה. שטייט ער און וווּנדערט זיך – אַזאַ גרויסע נדבֿה האָט אים נאָך קיינער ניט געגעבן. זאָגט זי צו אים: „וווּנדערט זיך ניט, רב ייִד; נעמט דאָס געלט און גייט קויפֿט זיך שיינע קליידער. איך וואַרט אײַך בײַ זיך אויף שבת“.

אַז אַ רײַכע ייִדענע פֿאַרבעט אים אויף שבת, קאָן ער זיך ניט אָפּזאָגן. ער איז אַוועק אין אַ גרויס געשעפֿט, זיך שיין אויסגעקליידט און איז געקומען צו איר אויף שבת. דאָס ווײַב האָט אים זייער שיין אויפֿגענומען, אַוועקגעזעצט בײַם טיש אויבנאָן און האָט אים געהייסן מאַכן קידוש. די קינדער אַרום דעם טיש זיצן און וווּנדערן זיך: „וואָס האָט דאָ די מאַמע געטאָן? אַרײַנגענומען אין שטוב אַ פֿרעמדן ייִד, אַן אָרעמאַן און האָט אים נאָך דערצו אַוועקגעזעצט אויבנאָן?!“ זיי האָבן אָבער געשוויגן. גאָרנישט ניט געזאָגט.

דערנאָך, ווען דער ייִד האָט אָפּגע־מאַכט קידוש, האָט די ייִדענע אים דער־לאַנגט צוויי גרויסע שטיקער פֿיש, גוט געפֿעפֿערט און געזאַלצן; פֿאַרענדיקט מיט די פֿיש, האָט ער פֿאַרזוכט דאָס געשמאַקע עסיקפֿלייש, זיך פּאָסמאַקע־וועט מיטן צימעס־מייערן און פֿאַרטרונ־קען מיט אַ גוט ביסל בעסאַראַבער ווײַן.

נאָכן עסן האָט זי אים געוויזן ווו ער קאָן זיך צולייגן, און אַליין זיך אויסגעבעט איר בעט און האָט זיך געלייגט שלאָפֿן. אין מיטן דער נאַכט האָט זיך דעם גאַסט פֿאַרוואָלט אַ טרונק, איז ער אַראָפּ פֿון זײַן געלעגער און גענומען זוכן וואַסער אין דער פֿינצטער. פֿרעגט אים די באַלעבאָסטע: „ר׳ ייִד, וואָס זוכט איר?“ – זאָגט ער: „כ׳וויל אַ טרונק!“ זאָגט זי: „קומט אַהער, וועל איך אײַך געבן אַ טרונק“. איז ער צוגעגאַנגען און האָט זי אים דערלאַנגט אַ געטראַנק, וואָס זי אַליין האָט עס צוגעגרייט פֿון פֿריִער און געהאַלטן פֿאַר אַ באַזונדערן פֿאַל. טרינקט דער ייִדן אויס דאָס געטראַנק און פֿרעגט זי: „ס׳איז עפּעס זייער גע־שמאַק. וואָס איז דאָס?“ זאָגט זי:

„דאָס איז אַ מין ווײַן –
און דו ביסט ווידער מײַן,
און איך בין שטענדיק דײַן“

און גאָר אין גיכן איז זי פֿאַרגאַנגען אין טראָגן. איצט איז שוין ניט אַזוי וויכטיק געווען, ווער עס וועט בײַ זיי געבוירן ווערן, נאָך איין ייִנגעלע צי ווידער אַ מיידעלע.

# ווערטער

## ביראָבידזשאַן און ביראָבידזשאַן




צוויי זאַכן רופֿט מען אָן מיטן נאָמען „ביראָבידזשאַן“: די ייִדישע אויטאָנאָמישע געגנט אין דעם ווײַטן מיזרח פֿון רוסלאַנד און די הויפּט־שטאָט פֿון דער דאָזיקער געגנט. אין דער אמתן, הייסט אַזוי – אָפֿיציעל יעדנפֿאַלס – נאָר די שטאָט. דעם דאָזיקן נאָמען האָט זי באַקומען אין אָקטאָבער 1931. אָבער קיין שטאָט איז עס נאָך ניט געווען. געהערט עס צו דער קאַטעגאָריע פֿון „אַרבעטער־יִשובֿים“. דעם סטאַטוס פֿון אַ שטאָט האָט ביראָבידזשאַן געקראָגן מיט 75 יאָר צוריק, אין מאַרץ 1937. הײַנט האָט עס 75 טויזנט תּושבֿים, ס׳רובֿ פֿון זיי זײַנען ניט קיין ייִדן.

## ליטע און ליטוואַק

דאָס וואָרט „ליטוואַק“ איז, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרבונדן מיט ליטע. אָבער דער באַגריף „ליטע“ קען זײַן פֿאַרפֿירעריש. ליטע, ווי מע נוצט דאָס וואָרט איצט, מיינט בדרך־כּלל דאָס לאַנד, וואָס איז געוואָרן אומאָפּהענגיק נאָך דער צעפֿאַלונג פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אין יאָר 1991. אָבער היסטאָריש איז ליטע געווען אַ סך גרעסער. אַזוי, אַז ווען מע רעדט וועגן ליטע פֿון אַמאָליקע צײַטן, נעמט מען אַרײַן אין דעם באַגריף ווײַסרוסלאַנד, ווי אויך, למשל, ביאַליסטאָק און די גאַנצע געגנט אַרום דער דאָזיקער – הײַנט פּוילישער – שטאָט.

מיט אַ יאָרהונדערט צוריק, האָט מען אין פּוילן אָפֿט מאָל געהאַלטן פֿאַר אַ „ליטוואַק“ צי „ליטוואַטשקע“ יעדן איינעם ייִד צי יעדע איינע ייִדישע פֿרוי, אויב זיי האָבן נאָר געשטאַמט פֿון די געגנטן מיזרח־צו פֿון פּוילן. דער אַנטאַגאָניזם צווישן פּוילישע און ליטווישע ייִדן האָט ניט זעלטן אָנגענומען גאַנץ מיאוסע פֿאָרמען.

דעם ליטווישן דיאַלעקט פֿון ייִדיש האָט מען גערעדט אין דער גאַנצער היסטאָרישער ליטע. אויך אין אייניקע ערטער מחוץ ליטע, ווו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט איבערוואַנדערער פֿון ליטע, האָט געקלונגען, דער עיקר, דער ליטווישער דיאַלעקט. צו אַזעלכע ערטער האָבן געהערט, אַ שטייגער, ייִדישע קאָלאָניעס אין דרום־רוסלאַנד (איצט אוקראַיִנע), ווו די ליטווישע ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין דעם 19טן יאָרהונדערט. און אין דרום־אַפֿריקע האָבן אויך דאָמינירט ליטוויש־ייִדישע אימיגראַנטן. אַגבֿ, האָט דער ליטווישער דיאַלעקט דאָמינירט אויך אין „פֿאָרווערטס“ אין די ערשטע יאָרצענדליקער פֿון זײַן עקזיסטענץ.

דער פֿלאָנטער מיטן באַגריף „ליטוואַק“ איז הײַנט געוואָרן נאָך שטאַרקער, ווײַל מע רופֿט אַזוי די ניט־חסידישע – מתנגדישע – חרדים. ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז אַזוי רופֿט מען ניט די ליובאַוויטשער חסידים, כאָטש זיי שטאַמען היסטאָריש פֿון ווײַסרוסלאַנד (דאָס הייסט, פֿון ליטע).



Credit: Izabele Bindler

# אַ כמעלניצקי־קאָנפֿערענץ

(סוף פֿון ערשטער זײַט)

קאָנטעקסט פֿון יאָר 1943. מיך האָט אינטערעסירט די רעאַקציע פֿון ייִדן אויף דעם נאָמען פּערעיאַסלאַוו־כמעלניצקי און אויף דעם מיליטערישן אָרדען, וואָס מע האָט אײַנגעפֿירט אין דער זעלביקער צײַט – דעם אָרדען פֿון באָגדאַן כמעלניצקי, מיט וועלכן עס זײַנען אויך אַ שיין ביסל ייִדן, אָפֿיצירן און גענעראַלן, באַלוינט געוואָרן בעת דער מלחמה.

די שטאָט פּערעיאַסלאַוו האָט באַקומען דעם נײַעם נאָמען ניט צוליב שלום־עליכמען, וואָס איז דאָרטן געבוירן געוואָרן אָנהייב וועסנע 1859. אין פּערעיאַסלאַוו האָט אין יאָר 1654 כמעלניצקי אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך, וועלכער האָט געפֿירט צו דער רוסישער קאָלאָניזאַציע פֿון אוקראַיִנע. בכלל, דער גאַנצער טאַראַראַם אַרום כמעלניצקי אין 1943 האָט קיין ייִדישן הינטערגרונט ניט געהאַט.

צו יענער צײַט האָט די רויטע אַרמיי אָנגעהויבן באַפֿרײַען אוקראַיִנע פֿון די דײַטשן, און מע האָט געוואָלט געבן אַ געשמאַקע צוקערקע דער אוקראַיִנישער באַפֿעלקערונג. פֿון די באַפֿרײַטע טעריטאָריעס האָט מען מאָביליזירט אין דער אַרמיי הונדערטער טויזנטער לײַט. זומער 1944 איז די רויטע אַרמיי געווען שוין אויף אַ דריטל אַן אוקראַיִנישע.

אָבער אין אויסלאַנד האָט מען די כמעלניצקי־זאַך צו מאָל יאָ פֿאַרטײַטשט ווי אַן אַנטיסעמיטישע אַקציע. אין יענער צײַט האָבן דאָך די ייִדן נאָך געטראָגן אין זייער היסטאָרישן זכּרון די גזירות פֿון די יאָרן 1648 און 1649. אין מענדל אָשעראָוויטשעס אַרכיוו (וואָס ליגט אין ייִוואָ) האָב איך איבערגעלייענט אַ בריוו פֿון אַ לייענער, אַ ציין־דאָקטער, וועלכער האָט געבעטן דעם „פֿאָרווערטס“־זשורנאַליסט צו פֿאַרפֿינקטלעכן די אינפֿאָרמאַציע וועגן פּערעיאַסלאַוו־כמעלניצקי, ווײַל זײַן שכן, אַ קאָמוניסט, האָט געטענהט, אַז דאָס איז געווען אַ מיאוסע אַנטי־סאָוועטישע פּליאָטקע, פֿאַרשפּרייט דורכן „פֿאָרווערטס“. אים, דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמוניסט, האָט זיך פּשוט ניט געגלייבט, אַז די סאָוועטישע רעגירונג האָט באמת געקענט אָפּטאָן אַזאַ ווילדע זאַך.

אין יאָר 2008 איז אין אוקראַיִנע אַרויס אַ נײַער פֿילם, וואָס הייסט „באָגדאַן כמעלניצקי“. האָב איך אים געפֿונען אין אינטערנעץ און אויסגעמעקט צוויי שעה פֿון מײַן לעבן, קוקנדיק די דאָזיקע שמאַטע־שבשמאַטע. דער סוף איז געווען, אַז ייִדן (ווי איר פֿאַרשטייט, אויף זיי האָב איך דאָך געוואַרט) זײַנען דאָרטן גאָר ניט געווען. אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום די פּאָליאַקן, וועלכע זײַנען באַוויזן געוואָרן ווי ווילדע חיות. אָט אַזוי ווערט רעדאַקטירט די געשיכטע.

איך בין ניט נאַיִוו צו גלייבן, אַז אַן אַקאַדעמישע קאָנפֿערענץ קען בײַטן עפּעס אין דעם מאַסן־אויפֿנעם פֿון דער געשיכטע. אָבער יעדער מענטש טוט, וואָס ער קען. אַמעליאַ גלאַסער האָט אָרגאַניזירט אַ הצלחהדיקן פֿאָרום, און מיר, די אָנטיילנעמער, האָבן זיך ניט געפֿוילט צו קומען און איר העלפֿן אין אָט דער אונטערנעמונג.




„טאַטע, איז עס ריכטיק, אַז ישו איז געווען אַ ייִד?“

„יאָ, ריכטיק. דעמאָלט זײַנען אַלע געווען ייִדן. די צײַט איז געווען אַזאַ...“

ווען אייניקע פֿעלקער האָבן ניט געוווּסט, אַז עס זײַנען דאָ ייִדן, פֿלעגן זיי האַלטן, אַז אַלע שלעכטע זאַכן געשעען מיט זיי צוליב די פֿינצטערע כּוחות פֿון דער נאַטור.

„קענט איר מיר אפֿשר זאָגן, וויפֿל קאָסט בײַ אײַך פֿלייש?“

„פֿאַר וואָס זאָל איך עס אײַך ניט זאָגן? וואָס מיר האָבן זיך מיט אײַך צעקריגט?“

„שׂרה, ווי פֿילט איר זיך? איך האָב געזען, אַז נעכטן איז צו אײַך געקומען אַ דאָקטער?“

„איז וואָס? אויב צו אײַך קומט אַן אָפֿיציר, מיינט עס שוין, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה?“

אַ בעטלער פֿלעגט תּמיד באַקומען פֿון אַ יונגערמאַן אַ נדבֿה פֿון אַ דאָלאַר. אָבער איין מאָל האָט ער אים געגעבן 50 צענט.

„פֿאַר וואָס עפּעס 50 צענט?“

„איך האָב חתונה געהאַט און דאַרף איצט געלט פֿאַר דער משפּחה.“

„גיט נאָר אַ קוק אויף אים! ער האָט חתונה, און איך דאַרף אויסהאַלטן זײַן משפּחה!“

